# אויב נישט נאָך העכער

# און

דער נעמיראָווער פּלעגט סליחות־צייט יעדן פרימאָרגן נעלם ווערן, פאַרשווינדן!

מען פּלעגט אים נישט זען אין ערגעץ: נישט אין שול, נישט אין ביידע בתי מדרשים, נישט ביי אַ מנין און אין דער היים אַוודאַי און אַוודאַי נישט. די שטוב איז געשטאַנען אָפן. ווער עס האָט געוואָלט איז אַריין און אַרויסגעגאַנגען; געגנבעט ביים רבין האָט מען נישט; אָבער קיין לעבעדיק באַשעפעניש איז אין שטוב נישט געווען.

ווו קאָן זיין דער רבי?

ווו זאָל ער זיין? מן הסתם אין הימל! ווייניק געשעפטן האָט אַ רבי פאַר ימים־נוראים צו פאַרזאָרגן? יידעלעך, קיין עין־הרע, דאַרפן פרנסה, שלום, געזונט, גוטע שידוכים, ווילן גוט און פרום זיין, און די זינד זענען דאָך גרויס, און דער שטן מיט זיינע טויזנט אויגן קוקט פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער; און ער זעט, און פאַרקלאָגט, און מסרט... און — ווער זאָל העלפן, אַז נישט דער רבי?

אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ ליטוואַק; לאַכט ער! איר קענט דאָך די ליטוואַקעס: פון מוסר־ספרים האַלטן זיי ווייניק, דערפאַר שטאָפּן

זיי זיך אָן מיט ש"ס ופוסקים. ווייזט דער ליטוואַק אַ בפירושע גמרא,
— די אויגן שטעכט ער אויס! אַפילו משה רבינו, ווייזט ער, האָט ביים לעבן נישט געקאָנט אַרויף אויפן הימל, נאָר געהאַלטן זיך צען טפחים אונטערן הימל. נו, גיי שפּאַר זיך מיט אַ ליטוואַק!

— ווו דען קומט אַהין דער רבי?

— מיין דאגה! — ענטפערט ער און ציט מיט די אַקסל; און תוך כדי דיבור (וואָס אַ ליטוואַק קאָן!) איז ער זיך מיישב צו דערגיין די זאַך.

---

נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט, באַלד נאָך מעריב, גנבעט זיך דער ליטוואַק צום רבין אין חדר אַריין, לייגט זיך אונטערן רבינס בעט און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, ווו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טוט סליחות־צייט.

אַן אַנדערער וואָלט אפשר איינגעדרעמלט און פאַרשלאָפן די צייט; אַ ליטוואַק טוט זיך אַן עצה: לערנט ער זיך אויסנווייניק אַ גאַנצע מסכתא! איך געדענק שוין נישט: חולין, צי נדרים!

פאַרטאָג הערט ער, ווי מען קלאַפּט צו סליחות.

דער רבי איז שוין נישט געשלאָפן אַ צייט. ער הערט אים שוין אפשר אַ גאַנצע שעה קרעכצן.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצן, ווייס וויפל צער פאַר כל ישראל, וויפל יסורים עס האָט געשטעקט אין זיין יעדן קרעכץ... די נשמה פלעגט אויסגיין, הערנדיק דאָס קרעכצן. אַ ליטוואַק האָט דאָך אָבער אַן אייזערן האַרץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווייטער! דער רבי ליגט זיך אויך. דער רבי, זאָל לעבן, אויפן בעט, דער ליטוואַק — אונטערן בעט.

---

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הייבן אָן סקריפּען... ווי די בני־בית כאַפּן זיך אַרויס פון די בעטן; ווי מען מורמלט אַ יידיש וואָרט, מען גיסט וואַסער אויף די נעגל, עס קלאַפּן זיך אויף און צו די טירן... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פון שטוב,

עס ווערט ווייטער שטיל און פינצטער, דורכן לאָדן שיינט קוים אַריין א קליין ביסל ליכט פון דער לבנה...

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבן אייי־נער אליין מיטן רבין, איז אים באַפאַלן אַן אימה. די הויט איז אים שיר אויפגעלאָפן פאַר שרעק, די וואָרצלען פון די פאות האָבן אים גע־שטאָכן אין די שלייפן, ווי די נאָדלען.

אַ קלייניקייט: מיטן רבין און סליחות־צייט פאַרטאָג אַליין אין אַ שטוב.

אַ ליטוואַק איז דאָך אָבער איינגעשפאַרט. ציטערט ער, ווי אַ פיש אין וואַסער, און ליגט.

---

ענדלעך, שטייט דער רבי, זאָל לעבן, אויף...

פריער טוט ער, וואָס אַ ייד דאַרף טאָן... דערנאָך גייט ער צו צו דעם קליידער־אַלמער און נעמט אַרויס אַ פעקל... עס באַווייזן זיך פויערשע קליידער: לייוונטענע פלודערן, גרויסע שטיוול, אַ סיערמינגע, אַ גרויס פוטערן היטל, מיט אַ ברייטן, לאַנגן לעדערנעם פאַס, אויסגע־שלאָגן מיט מעשענע נעגעלעך.

דער רבי טוט עס אָן...

פון דער קעשענע פון סיערמינגע שטאַרט אַרויס אַן עק פון אַ גראָבן שטריק... פון אַ פויערשן שטריק!

דער רבי גייט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגייענדיק, טרעט אָפּ דער רבי אין קיך, בייגט זיך איין, פון אונטער אַ בעט נעמט ער אַרויס אַ האַק, פאַרלייגט זי אונטערן פאַס און גייט אַרויס פון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט נישט אָפּ.

---

ימים־נוראים שרעקן זיך אַלע פאַרן משפט. „אפילו א פיש אין וואסער ציטערט".

סיערמינגע — א פויערישער מאנטל.

אלמער — שאפע.